# 38'טער קובץ 'גינת ורדים' ארויס אין דרוק

**גנוזות: תולדות, עובדות וסיפורים, ודברות קודש מאת כ"ק האדמו"ר מסקולען זצוק"ל / וואספארא ברכה מאכט מען אויף "לייט גרעיפ-זשוס" / צו מעג מען פארקויפן 'פאר-בעיקד' געבעקסן ביי 'מכירת חמץ' / על הפרק: מצות וואס מ'באקט פון די אלט/נייע ווייץ וואס הייסט "איינקארן" [אייק מצות]**




די קובץ הויבט זיך אן מיטן מדור 'גנוזות' וואו ס'איז געדרוקט א הערליכע בײלאגע לזכרו פון כ"ק האדמו"ר מסקולען זצוק"ל, וואו ס'איז באשריבען באריכות תולדותיו וקורותיו, זיין התקשרות למרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, און וואס ער האט זיך אויסגעדרוקט איבער די 'חידושי תורה' פון מרן מסאטמאר זי"ע, דערנאך עטליכע עובדות וסיפורים מפה קדשו וואס ער האט פארציילט ביי פארשידענע געלעגענהייטן, ווי אויך 'דברות קודש' בסעודת ראש חודש אב [אינעם יאר תש"ס-ס"ב], נעתק מלה במלה מפי הטעיפ [עם הוספות], און נאך פארשידנארטיגע ענינים; אויך איז פארהאן אינעם מדור 'גנוזות' א לענגערע תשובה פון הגה"צ אבד"ק קאשוי זצ"ל בעל 'ברכות שמים', בנוגע עפענען פאפירענע זעקלעך אום שבת קודש; דערנאך איז פארהאן א המשך צום קונטרס "מאור יצחק", לזכרו פון הגה"צ ר' יצחק מאשקאוויטש זצ"ל, אבד"ק תורת חמ"ד נייטרא וויליאמסבורג, הערות וביאורים אויף מסכת סוטה. - דערנאך איז פארהאן א מדור 'זכרון להולכים', לזכרו הבהיר פון הרב ר' שמואל טייטלבוים זצ"ל, ראש הכולל "מעוררי השחר", וואו ס'איז באשריבען בקיצור נמרץ תולדותיו ומאורעותיו, ווי אויך איז געדרוקט עטליכע חידושים בהלכה ובאגדה, ווי אויך עטליכע דרשות וואס ער האט געהאלטן בהיכל הכולל.

אינעם מדור 'גן אלקים' איז פארהאן א תשובה פון הרה"ג ר' נחמן יחיאל מיכל שטיינמעטץ שליט"א, דומ"ץ סקווירא ב"פ, ומח"ס שו"ת משיב נבונים, איבער איינער וואס האט באשטעלט תפילין מהודרים פאר טייער געלט פון א באקאנטען סופר מומחה, און נאכדעם איז ער געוואויר געווארן אז יענער פארמאגט ליידער א סמארטפאון, צו הייסט דאס א 'מקח טעות'; א בירור הלכה פון הרה"ג ר' דוד ראזענבערג שליט"א, מח"ס שו"ת מנחת דוד, איבער די לעכערליכע היתר וואס די א.ג. בי"ד דקהל לב טהור האט ארויסגעגעבן צו מתיר זיין די 'חרם דרבינו גרשום' אן קיין 'היתר מאה רבנים'.

אינעם מדור 'גן רוה - לחג הפסח' איז פארהאן גאר א וואונדערליכע בירור פון הרה"ג ר' שלום נח סג"ל ווייס שליט"א, דומ"ץ אורשיווא, מח"ס תיקון עירובין וספרי בנין שלום, איבער די שאלה פון מצה וואס ווערט געמאכט פון די אלט/נייע ווייץ וואס הייסט "איינקארן" [אייק מצות], למצות מצוה, ולברכת המוציא; אויך איז פארהאן א תשובה איבער די נושא פון הרה"ג ר' דוד ראזענבערג שליט"א, מח"ס שו"ת מנחת דוד; דערנאך איז פארהאן א מאמר איבער 'מאשין מצות' פון הרב דוד קולדעצקי הי"ו פון 'מודיעין עילית', מח"ס תורת המועדים; דערנאך איז פארהאן א וואונדערבארע בירור הלכה פון הרה"ג ר' יואל פאשקעס שליט"א, מרבני כולל בית יונה ד'נייטרא וויליאמסבורג, מעג מען פארקויפן 'פאר-בעיקד' געבעקסן אינעם 'מכירת חמץ'; א הערליכע מאמר פון הרה"ג ר' צבי הירש ווייס שליט"א, מח"ס "פרסומי ניסא", בענין שליטת מזל טלה וביטולו; עטליכע מאמרים איבער די קשיא פארוואס ווערט נישט דערמאנט משה רבינו'ס נאמען אינעם גאנץ הגדה של פסח, טראץ וואס ער האט געשפילט די הויפט ראלע אין יציאת מצרים? אנגעהויבן פון א מאמר פון הרב אלכסנדר אליעזר קנאפפלער שליט"א פון ב"פ, מח"ס אבן יקרה עה"ת; דערנאך א תשובה פון הרה"ג ר' חיים ישעי' קעניג ז"ל אבד"ק יאקע, ומח"ס שו"ת חוקי חיים; דערנאך א שיינע מאמר בענין הנ"ל פונעם בארימטן ספרא רבא הרב אברהם מייזעלס שליט"א פון מאנטריאל קאנאדא, מח"ס מטבע שטבעו חכמים ושא"ס.

אינעם מדור 'יודע בטיב' איז פארהאן א לענגערע קונטרס פון הרה"ג ר' יצחק שטיין שליט"א, רב הצעיר דק"ק פאלטישאן, ואב"ד ביד"צ "אבני שיש" פאלטישאן, וואו ס'ווערט אראפגעברענגט דברים כדרבונות מספרי גדולי הפוסקים איבער די גרויסע הארבקייט און די געוואלדיגע זהירות וואס א 'מסדר גיטין' דארף האבן, און זיין א בקי בטיב גיטין, און נאך פילע וויכטיגע און אינטערסאנטע ענינים אין דעם נושא.

פילע אינטערסאנטע מאמרים זענען פארהאן אינעם מדור 'גן רטוב', ובתוכם: א בירור פון הרה"ג ר' אפרים צבי שמילאוויטש שליט"א, אבד"ק קרעמניץ וויליאמסבורג, איבער די ריכטיגע פלאץ צו לייגן די קשר פונעם 'תפילין של ראש'; א הערליכע מאמר פון הרב לייבוש שווארץ הי"ו פון קרית יואל, איבער די פסוקים וואס מ'זאגט ביי די פיוטים ימלוך ה' לעולם וכו' לדור ודור הללוי-ה, ואתה קדוש יושב תהילות ישראל "קל נא", צו די 2 ווערטער "קל נא" גייט ארויף אויף 'ואתה קדוש', אדער ס'גייט גאר אראפ צום קומענדיגע פיוט?; א שיינע ליקוט פון הרב מיכאל דוב יואל ווייסמאנדל הי"ו פון וויליאמסבורג, איבער די חיוב פון לערנען 'ספרי מוסר' יעדן טאג; א זעלטענע בירור פון הרב ליפא פעקעטע הי"ו, מרבני כולל תו"י דסאטמאר וויליאמסבורג, איבער די 'גדר' פון ראיית הלבנה און ווען ס'הייסט א הנאה כדי צו קענען מאכן 'קידוש לבנה', און צו ס'איז דא א מקום להחמיר נישט צו מאכן קידוש לבנה אויף א פלאץ ווי ס'שיינט עלעקטערישע באלייכטונגען; א שיינע מאמר פון ווי נעמט זיך די מקור צו מאכן 2 טאג ראש חודש אין א חודש מלא, פון הרב מענדל עסטרייכער הי"ו, מרבני כולל ויואל משה דסאטמאר מאנסי.

אינעם מדור 'מעין גנים' איז פארהאן פילע בירורי הלכה פון ראשי הכוללים ותלמידיהון, צווישן זיי א בירור הלכה פון הרה"ג ר' משה לערנער, מו"ץ בוויליאמסבורג, בענין זיכוי פת ושכירות רשות מישראל בעל כרחו, וואו ס'ווערט אפגעוואנדען די לעכערליכע היתרים כאילו מ'קען מזכה זיין פת בעל כרחם פון טויזנטע ערליכע אידן וואס ווילן נישט זוכה זיין אינעם עירוב נגד דעת רבני העיר ומייסדיה; דערנאך איז פארהאן עטליכע בירורים איבער די 'לייט גרעיפ-זשוס', פון הרב יעקב שלמה ליכטענשטיין הי"ו, מראשי הכולל בראד ועורך קובץ 'זכרו הלכה', און פון הרב משה קרויס, ר"מ בישיבת נייטרא וויליאמסבורג, און צום סוף א בריוו פון הרה"ג ר' הילל ווײנבערגער שליט"א, אבדק"ק סערדאהעלי, דיין ומו"צ דק"ק נייטרא; דערנאך איז פארהאן נאך פילע מאמרים בהלכה ובאגדה איבער פארשידנארטיגע נושאים, ווצבש"פ: עירוב תבשילין, וואשן קליידער אין חול המועד, עניני מוקצה, שמות גיטין, קביעות מזוזה, מיעוך סרכות, און נאך.

אינעם מדור 'טיול בגן', וואס איז וועקגעשטעלט פאר לענגערע הערות אויף פריערדיגע מאמרים. איז פארהאן א בירור פון הרב משה האלצער הי"ו, מרבני כולל ויוא"מ דסאטמאר מאנסי, איבער פעקלעך וואס קומט אן שבת דורך UPS וכדומה, צו מ'מעג הנאה האבן פון זיי.

די מדור 'גן נעול' איז וועקגעשטעלט פאר פארשידענארטיגע הערות בענינים שונים און תמיהות בספרי קודש, דארט איז פארהאן הערות והשגות אויפן ספר 'זמנים בהבנה', פון הרב נחום אבראהאם שליט"א, דומ"ץ במאנסי.

אינעם מדור 'לרעות בגנים' איז דא פילע בריוועז מיט קורצע הערות אויף די פריערדיגע מאמרים בענינים שונים [מיר רעכענען אויס נאר א טייל]: א ישוב צום מנהג העולם וואס מ'איז מטלטל די 'זרוע' בליל פסח; עטליכע הוספות אויפ'ן הערכה פון הגה"צ אב"ד נייטרא ומסב"ג זצ"ל; מעורר איבער די 'פינגערלעך' וואס קנעטער'ס לייגן ארויף אויפן פינגער ווען מ'האט א מכה; א חופה דארף זיין אפן צו אלע 4 זייטן פון די וועלט; בענין בירור מציאות דורך רוח הקודש און נבואה; הערה בענין די א.ג. עירוב אין ברוקלין; צו זיין געווארנט מיט די שארפע משקאות אז ס'זאל האבן א 'היימישע הכשר'; נאך איבער די תערובות וואס מ'מאכט אין די טשיקענ'ס; השתשלות פון די בריוו פון הגר"מ פיינשטיין זצ"ל, אז אין ניו יארק טאר מען נישט מקיל זיין אין חלב עכו"ם; עטליכע שמועות פון הרה"ח המפורסם ראה"כ מעוררי השחר ז"ל.

אויך אינמיטן די קובץ ווי ס'איז נאר דא א ליידיג שטיקל פלאץ ביזן סוף פונעם עמוד, ווערט דאס אויסגענוצט צו באררייכן די ידיעות פון די לומדים, מיט אינטערסאנטע העתקות פון ספרים, ווי למשל: א שטיקל פון א תשובה ספר, צו מ'מעג זיין א אינשורענ'ס אגענט? / די טעג פון בעפאר פסח איז גאר טייער, אז א שעה ווערט פארדעכנט ווי א גאנצע טאג / די חיד"א שרייבט, אז ס'איז ראוי אז א יעדע תלמיד חכם זאל קובע זיין א צייט צו לערנען ספרי מוסר, ווייל "כל הגדול מחבירו יצרו גדול".

# גרויס התרגשות צו נסיעה קיין ליסקא ט' אייר

## ליומא דהילולא קדישא של הגה"ק בעל טל חיים זי"ע

די מעלדונג איבער א נסיעה וואס ווערט ארגאניזירט צום יומא דהילולא קדישא של הגה"ק בעל טל חיים מליסקא זי"ע איז אויפגענומען געווארן מיט שטוינענדע איבערראשונג, דורך אידן פון אומעטום וועלכע פאראינטערסירן זיך איבער די מעגליכקייט טיילצונעמען אין די הילולא קדישא פון דעם איש מופת, חתנו וממלא מקומו של הרה"ק איש אלקים בעל אך פרי תבואה זי"ע.

די נסיעה ווערט ארגאניזירט דורך א צאל אידן וואס האבן אין די פריערדיגע יארן אידן בייגעוואוינט אויסטערלישע ישועות נאכ'ן מתפלל זיין ביים ציון הקדוש פונעם טל חיים, וואס האט זיי צוזאמגעברענגט צוצושטעלן די איצטיגע גרויסע נסיעה צום 115'סטן יארצייט, להכיר טובה ולזכות את הרבים.

דער טל חיים זי"ע איז געווען א שם דבר מיט זיין גאונות בכל מכמני התורה, ווי אויך מיט זיין צדקות ופרישות, וואס כידוע האט ער נישט געקענט קיין צורת מטבע - ווי עס ווערט דערציילט אז ווען מען האט אים אמאל אויפמערקזאם געמאכט אז די רויטע מטבע (פון די אונגארישע וואלוטע) איז מער ווערד ווי די בלויע מטבע, האט ער געזאגט אז רויט איז מדת הדין און בלוי איז מדת הרחמים, דערפאר וואלט עס געדארפט זיין פארקערט!...

די גדולי הדור האבן זיך צו אים באצויגן מיט א געוואלדיגן כבוד. דער לבושי מרדכי ממאד זי"ע באצייכנט אים אין זיין הסכמה אלס "צדיק יסוד עולם". ס'איז באקאנט אז הגה"ק בעל דרכי תשובה ממונקאטש זי"ע האט געשיקט בעטן דעם טל חיים, אז טראץ זיין געוואלדיגע התמדה בתורה זאל ער עפענען די טירן און אויפנעמען אידן, ווייל ער קען פועל'ן ישועות!

כל ימיו האט דער טל חיים זי"ע זיך פרובירט צו באהאלטן, און הרה"ק רבי יהושע'לע מבעלזא זי"ע האט אים טאקע באצייכנט אלס דער "אונגארישער ל"ו'ניק". זיין הסתלקות בשנת תרס"ד איז געווען אויף א מורא'דיגן אופן, ווייל דעמאלט זענען געווען שווערע גזירות אין אונגארן און דער טל חיים איז געגאנגען אין ביהמ"ד און דערקלערט אז ער וועט זיין א קרבן ציבור לבטל הגזירות - ווי עס איז טאקע געווען.

לאחר הסתלקותו איז זיין מקום מנוחה געווארן א מאגנעט פאר אידן וואס זענען געקומען מתפלל זיין לבורא עולם כדי געהאלפן צו ווערן בזכותו הגדול פון דעם אדם הגדול בענקים, און מען טאקע בייגעוואוינט ישועות ונפלאות אויף א גרויסן פארנעם.

כדי זיך איינצושרייבן צו די בעפארשטייענדע 48-שעה נסיעה דארף מען אריינרופן צו "גא גאלד" טראוועל, 718-473-9867, ויפה שעה אחת קודם. ויהא"ר שזכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל, להשפיע לנו טלל"י חיי"ם וברכה עד עולם אכי"ר.